בן חמש למקרא בפשטות איך פשוטו של מקרא, אן מפרשי רש"י, וכפי שיתבאר לקמן.

לו. איך די הערות אויפן זהר פון פרשתנו[129] שטעלט ער זיך אויף דעם וואס עס שטייט איך זהר[72] עה"פ "ויגדלו הנערים" - "סטרא דאברהם גרים לון לאתגדלא וזכותי' סייע לון, הוא הוה מחנך לון במצות דכתיב כי ידעתיו למען אשר יצוה וגו'".

דאס הייסט, אז דריי זאכן פון אברהם האבן גע'פועל'ט אז עס זאל זייך "ויגדלו הנערים", יעקב און עשו [וואס דער פירוש פון זהר איך "ויגדלו" איז (כמובן) ניט בפשטות, גדלות איך יארן - נאר גדלות ברוחניות]:

"סטרא דאברהם", דאס וואס זיי האבן געשטאמט פון אברהם'ן - "גרים לון לאתגדלא", נאכמער - "זכותי'", דער זכות פון די מעשים טובים פון אברהם'ן - "סייע לון" ווי ער איז מבאר איך דער הערה אז "זכותי'", זיינע מעשים טובים, איז מערער ווי "סטרא דאברהם", אז זיי האבן פון אים געשטאמט, וואס דערפאר שטייט בא "זכותי'" "סייע לון", ווארום א סיוע איז מקרוב, משא"כ בא "סטרא דאברהם" שטייט "גרים לון", וואס "גרים" איז מרחוק,

און נאכמער - "הוא הוה מחנך לון במצות כו'", אז ער האט זיי מחנך געווען, וואס כמובן בפשטות אז דאס האט גהאט נאך א גרעסערע השפעה אויף זיי ווי "סטרא דאברהם" און "זכותי'".

לז. איך דער הערה איז ער מבאר כמה פרטים איך דעם זהר; ער איז אבער ניט מבאר א דבר תמוה ביותר:

ווער עשו איז אויסגעוואקסן צו זייך ווייסן אלע, ווי ס'איז ע"פ פשטות הענינים, ע"פ דרוש, ע"פ הלכה און ע"פ כל חלקי התורה,

ביז אז איך המשך הכתוב פון "ויגדלו הנערים" (אויף וועלכן דער זהר שטעלט זיך), שטייט גלייך: "ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה" וואס דאס באווייזט דאך בפשטות ווער עשו איז אויסגעוואקסן צו זייך -

איז וואס הייסט אז מצד דעם וואס ער האט געשטאמט פון "סטרא דאברהם" און מצד "זכותי'", דער זכות פון די מעשים טובים פון אברהם און מצד דעם וואס אברהם האט אים מחנך געווען במצוות - איז ער געווארן א גדול (ברוחניות)?!

- די -

----

129) לקוטי לוי"צ לזח"א ע' צב ואילך.

די קשיא ווערט נאך שטארקער:

ווען יעקב און עשו זיינען נאך געווען בבטן רבקה שטייט[130] "ויתרוצצו הבנים בקרבה", טייטשט רש"י[131]: "כשהיתה עוברת על פתחי תורה של שם ועבר יעקב רץ ומפרכס לצאת, עוברת על פתחי ע"א עשו מפרכס לצאת".

וואס דערפון זעט מען וואס פאר א תכונות עשו האט געהאט און צו וואס ער האט זיך געציט שוין פאר דערויף וואס ער איז געבארן געווארן - איז ווי קען מען זאגן אז ביי אים איז געווען "ויגדל" צוליב אברהם כו'?!

לח. די שאלה פון "ויתרוצצו הבנים בקרבה" - קען מען נאך לכאורה פארענטפערן, אז שיטת הזהר אין דעם פירוש פון "ויתרוצצו הבנים בקרבה" איז (ניט לגריעותא פון עשו, ווי דער פירוש הנ"ל וואס רש"י ברענגט אראפ, נאר) ווי עס שטייט אין מדרש[132], "שהיו חולקין בשביל העולם הזה והעולם הבא", עשו האט געוואלט עוה"ז און יעקב האט געוואלט עוה"ב.

וואס דאס איז א פירוש אין "ויתרוצצו הבנים בקרבה" למעליותא פון עשו. והביאור בזה:

לכאורה איז דער מדרש אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: עוה"ז און עוה"ב זיינען דאך הפכים, דער וואס וויל עוה"ז וויל ניט עוה"ב און דער וואס וויל עוה"ב וויל ניט עוה"ז - איז ווי איז שייך זאגן א מחלוקת בזה, "שהיו חולקין בשביל העולם הזה והעולם הבא"?!

נאר דערפון גופא איז מוכח, אז סיי יעקב און סיי עשו האבן געוואלט ביידע עולמות, עוה"ז און עוה"ב (ס'איז מערניט וואס יעקב האט געוואלט בעיקר עוה"ב און עשו האט געוואלט בעיקר עוה"ז), און דערפאר איז בא זיי געווען א מחלוקת.

לט. והביאור בזה:

עס שטייט אין מדרש[133] אז "מתחילת ברייתו של עולם צפה הקב"ה במעשיהן של צדיקים ומעשיהן של רשעים כו', והארץ היתה תהו ובהו[134] אלו מעשיהן של רשעים, ויאמר אלקים יהי אור[135] אלו מעשיהן של צדיקים, אבל איני יודע באיזה מהם חפץ אם במעשה אלו אם במעשה אלו, כיון דכתיב[136] וירא אלקים את

- האור -

----

130) פרשתנו כה, כב. 131) מב"ר פס"ג, ו. 132) מדרש אגדה ויל"ש עה"פ. ועד"ז הוא גם בפירוש הב' בפרש"י.
133) ב"ר ספ"ב. 134) בראשית א, ב. 135) שם, ג. 136) שם, ד.

האור כי טוב הוי במעשיהן של צדיקים חפץ ואינו חפץ במעשיהן של רשעים".

פרעגט אויף דערויף חסידות[137]: ווי איז שייך עס זאל זיין א ספק און א הו"א בדבר צי דער אויבערשטער איז חפץ אין מעשיהן של צדיקים אדער אין מעשיהן של רשעים?!

איז דער ביאור אין דעם:

עס שטייט אין גמרא[138] "מלכא ומלכתא הוו יתבי, מלכא אמר גדיא יאי ומלכתא אמרה אימרי יאי".

איז חסידות[139] מבאר, אז "גדיא" איז בע"ת, און "אימרי" – צדיקים, וואס אין יעדער איינעם איז דא א מעלה וואס איז ניטא אין דעם צווייטן, און אין דעם באשטייט די מחלוקת פון "מלכא" און "מלכתא" וועלכע פון זיי איז העכער:

צדיקים האבן די מעלה וואס עבודתם איז אין טוב, און מצד דער מעלה זאגט "מלכתא" אז "אימרי יאי",

און בע"ת האבן די מעלה וואס זיי זיינען מהפך רע לטוב, ע"ד דער ענין פון "וגם רשע ליום רעה", אז פון דעם רע מאכט ער "יום ואור כו'", כנ"ל (סי"ט), ביז אז מ'זאגט אז "מקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורין יכולין לעמוד בו"[140], און מצד דער מעלה זאגט "מלכא" אז "גדיא יאי".

ועד"ז איז דער ביאור אין דעם מדרש הנ"ל[141]:

דער ענין פון "מעשיהן של צדיקים" איז, בפשטות, עבודת הצדיקים און דער ענין פון "מעשיהן של רשעים" איז די תשובה וואס קומט ארויס פון "מעשיהן של רשעים", וואס יעדער איינע האט א מעלה אויף דער צווייטער, און דערפאר איז לכתחלה געווען א ספק בא דעם אויבערשטן אז "איני יודע באיזה מהם חפץ אם במעשה אלו (עבודת הצדיקים) אם במעשה אלו (עבודת התשובה פון רשעים)".

אבער אעפ"כ איז די מסקנא פון דעם אויבערשטן אז "במעשיהן של צדיקים חפץ", ווארום "עשה האלקים את האדם ישר"[142], ובמילא דארף א מענטש עובד זיין עבודתו אין א סדר ע"פ תורה, אין אן אופן פון סור מרע ועשה טוב, ניט האבן צוטאן מיט ענינים בלתי רצויים;

- ביחד -

---

137) לקו"ת צו ז, ד. ובכ"מ. 138) פסחים ספ"ד. כריתות בסופה. 139) אוה"ת וישלח תכו, א-ב. סד"ה שה תמים תרכ"ט (סה"מ תרכ"ט ע' קיא ואילך). ד"ה מלכא ומלכתא תרצ"ז.
140) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה. וראה ברכות לד, ב.
141) ראה גם לקו"ש חט"ו ע' 178 ובהע' 49 שם. 142) קהלת ז, כט.

ביחד עם זה אבער קענען צדיקים באקומען, בכמה אופנים, אויך די מעלה פון בעלי תשובה, כמבואר אין די מאמרים[143].

ויש לקשר זה עם פירוש הבעש"ט[144] אין סור מרע ועשה טוב, אז פריער איז דא די עבודה פון סור מרע, און דערנאך איז "ועשה טוב" - מ'מאכט פון דעם רע טוב,

וואס דאס איז ווי דער ענין פון תשובה איז אויך דא בא צדיקים בעבודתם אין סור מרע ועשה טוב.

בדוגמא צו דעם ענין התשובה בא צדיקים - געפינט מען בא משה רבינו,

וואס דער ס"מ האט געגעבן משה'ן א מתנה קטורת[145], וואס דער ענין פון די י"א סממני הקטורת איז, וואס זיי זיינען מהפך די ענינים פון היפך הקדושה צו קדושה[146], ע"ד ווי דער ענין פון תשובה,

און דאס האט משה באקומען ניט דורך גיין און דאס אליין באקומען, נאר דער ס"מ האט עס איס געבראכט, ע"ד ווי בימי שלמה האט מען צו איס געבראכט אלע ניצוצי קדושה, און ניט אז ער איז ארויס אין וועלט זיי געפינען (כנ"ל סכ"ב).

מ. וע"פ הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין בנוגע צו יעקב און עשו וואס "היו חולקין בשביל העולם הזה והעולם הבא":

עשו ווי ער געפינט זיך בשרשו איז ער קדושה, ס'איז מערניט וואס בשעת ער ווערט נשתלשל למטה ווערט ער היפך הקדושה אבער די פנימיות דערפון איז, אז עס זאל זיין דער ענין התשובה (ע"ד ווי גערעדט פריער דער ענין אין "מעשיהן של רשעים") - ע"ד ווי דער ענין פון "שטן ופנינה לשם שמים נתכוונו"[147], וואס בשרשם איז זייער כוונה לשם שמים[148].

וואס מעין זה (ווי עשו איז בשרשו - קדושה) איז אויך בשעת עשו איז געווען בעיבור (מיט יעקב) בבטן רבקה, ווארום "עובר ירך אמו הוא"[149] - אז ער איז פארבונדן מיט עבודת התשובה.

און יעקב איז פארבונדן (בכלל - ועאכו"כ ווי ער איז בעיבור בבטן רבקה) - מיט עבודת הצדיקים.

און וויבאלד אז דיביידע עבודות, עבודת הצדיקים און - עבודת -

----

143) ראה כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות אות פג ובהנסמן שם. וראה לקו"ש ח"י ע' 166. 144) כש"ט סס"ט (ט, ב). וראה גם שם סמ"א (ז, א). 145) ראה שבת פט, א. אוה"ת במדבר (הוספות) ע' א'תסז. 146) תו"א סוף פרשתנו. ובכ"מ. 147) ב"ב טז, א. 148) ראה מאמרי אדה"ז (אתהלך לאזניא) ע' קנה. לקו"ת חקת סב, א. אוה"ת (כרך ה) ויצא תתמה, א ואילך. 149) חולין נח, א. וש"נ.

עבודת התשובה, דארפן זיין בהתכללות זה עם זה - דערפאר געפינענדיק זיך בבטן רבקה האבן בײדע פון זיי, סיי יעקב און סיי עשו, געוואלט האבן בײדע עבודות, סיי עבודת הצדיקים, וואס איז בעיקר עבודת יעקב, און סיי עבודת התשובה, וואס איז בעיקר פארבונדן מיט עשו, ווי ער איז מצד שרשו בקדושה,

וואס די צוויי ענינים, עבודת הצדיקים און עבודת התשובה, זיינען ע"ד ווי דער ענין פון עוה"ב און עוה"ז - עוה"ב איז דער ענין פון צדיקים און עוה"ז - דער ענין התשובה, אז מ'מאכט איבער עוה"ז צו קדושה.

און דערפאר איז געווען "ויתרוצצו הבנים בקרבה", "שהיו חולקין בשביל העולם הזה והעולם הבא":

בא יעקב איז עיקר עבודתו "יושב אהלים", די עבודה פון תומ"צ, עבודת הצדיקים עוה"ב - ער האט אבער געוואלט האבן אויך עוה"ז, עבודת התשובה, כנ"ל אז אויך בא צדיקים קען זיין (אויך) די מעלה פון תשובה;

בא עשו איז עיקר עבודתו "איש יודע ציד איש שדה", עבודת התשובה, עוה"ז - ער האט אבער געוואלט האבן אויך עוה"ב, עבודת הצדיקים.

מא. וואס עפ"ז קומט דאך אויס אז דער "ויתרוצצו" איז (ניט קיין ענין לגריעותא פון עשו, ווי רש"י ברענגט אראפ, כנ"ל, נאר) אן ענין למעליותא פון עשו.

קען מען לכאורה זאגן אז דער זהר לערנט דעם פירוש אין "ויתרוצצו" ווי דער מדרש (למעליותא פון עשו) - ובמילא ווערט אויס די קשיא וואס מ'האט פריער געפרעגט פון "ויתרוצצו" אויפן זהר.

מ'קען אבער אזוי ניט זאגן - ווארום אין זהר פריער[150] טייטשט ער "ויתרוצצו הבנים בקרבה" לגריעותא פון עשו, נאך ערגער ווי רש"י טייטשט דאס - אז דאס איז פארבונדן מיט דעם נחש הקדמוני און ס"מ -

ווערט צוריק די קשיא פון "ויתרוצצו" אויפן זהר: ווי קען מען זאגן אז ס'איז געווען דער ענין פון "ויגדל" בא עשו צוליב די מעלות וכו' פון אברהם - בשעת אז אפילו ווי ער איז נאך געווען בבטן אמו איז ער שוין געווען ניט ווי עס דארף-צו-זיין, כנ"ל?! וכפי שיתבאר לקמן.

מב. דער שבת איז דאך שבת מברכים חודש כסלו (כנ"ל).

וואס בנוגע צו חודש כסלו שרייבט דער טאטע אין איינע

- פון -

----

150) קלז, ב ואילך.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

ס. דער ביאור אין דעם זהר אז אברהם האט אויפגעטאן אז עס זאל זיין "ויגדלו הנערים", כאטש אז עשו איז לכאורה געווען עשו הרשע - ובהקדם נאך א שאלה:

דער אויבערשטער האט מבטיח געווען אברהם'ן[169] "ואתה תבוא אל אבותיך בשלום תקבר בשיבה טובה", דאס הייסט אז דער אויבערשטער האט צוגעזאגט אברהם'ן אז "לא יצא עשו לתרבות רעה בימיו"[170].

שטעלט זיך די שאלה: אמת טאקע אז דאס וואס עשו איז יצא "לתרבות רעה" איז געווען נאך דערויף וואס אברהם איז נסתלק געווארן - ס'איז אבער "בוצין בוצין מקטפי' ידיע"[171], וואס דאס איז דאך אן עניין טבעי אין בני אדם, איז דאך פארשטאנדיק אז וויבאלד אז נאך דעם "ויגדלו הנערים" איז עשו געווען א רשע, איז דאס שוין געווען קענטיק אין אים בקטנותו (ווען אברהם האט נאך געלעבט), פאר "ויגדלו הנערים" - איז וואס איז דאס פאר א "שיבה טובה" פאר אברהם'ן, בשעת ער האט געזעהן אז זיין אייניקל וועט ארויסגיין "לתרבות רעה"?!

אויף דעם קומט דער ביאור פון דעם זהר - "סטרא דאברהם גרים לוס לאתגדלא וזכותי' סייע לון, הוא הוה מחנך לון במצות כו'":

אע"פ וואס ע"פ טבע האט געדארפט זיין קענטיק אין עשו'ן זיינע שלעכטע תכונות (וואס זיינען שפעטער ארויס-געקומען בפועל - איז אבער דער כח פון אברהם - "סטרא דאברהם", זיין זכות און זיין חינוך, וואס אויף דערויף (חינוך) האט אברהם געהאט א נתינת כח מיוחדת וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן, "כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו גו'" - געווען אזוי שטארק, אז ניט נאר וואס עס האט זיך ניט אנגעזען אין עשו'ן קיינע שלעכטע זאכן, נאר אדרבה: דאס האט גע'פועל'ט אויף אים (און אויף יעקב'ן) "לאתגדלא" - אמת'ע גדלות.

אבער דער "ויגדלו הנערים" (וואס איז כולל אויך עשו'ן) איז געווען נאר כל זמן וואס אברהם האט געלעבט. אבער לאחרי ווי אברהם איז נפטר געווארן, דאן איז עשו ארויס "לתרבות רעה", וויבאלד אז עס האבן געפעלט די דריי זאכן ("סטרא דאברהם", דער זכות און דער חינוך) פון אברהם.

סא. עס בלייבט נאך אבער די שאלה אז נאך זייענדיק בבטן

- רבקה - ------------

169) לך לך טו, טו. 170) פרש"י עה"פ. וכ"ה בפרש"י עה"פ פרשתנו כה, ל. 171) ברכות מח, א.

רבקה איז געווען דער עניין פון "ויתרוצצו הבנים בקרבה", וואס דער זהר לערנט דאס לגריעותא פון עשו (כנ"ל סמ"א).

איז דער ביאור אין דעם:

די גמרא[172] זאגט אז א קינד זייענדיק במעי אמו איז "מלמדין אותו כל התורה כולה", און דערנאך "כיון שבא לאויר העולם בא מלאך וסטרו על פיו ומשכחו כל התורה כולה".

וואס אויב דאס איז אזוי בנוגע צו עניני קדושה, אז "משכחו כל התורה כולה" - איז עאכו"כ אז דאס איז אזוי בנוגע צו דברים בלתי רצויים וואס זיינען דא בשעת א קינד געפינט זיך במעי אמו, ווארום "מדה טובה מרובה ממדת פורענות"[173], אז דורך דערויף וואס "מלאך סטרו על פיו" מאכט דאס אים פארגעסן אויף אלע ענינים בלתי רצויים וואס זיינען ביי אים געווען במעי אמו.

איז דערפון פארשטאנדיק, אז דאס וואס ס'איז געווען בא עשו'ן לגריעותא בשעת ער איז געווען בבטן רבקה - איז אינגאנצן אוועק פון אים בשעת ער איז ארויס לאויר העולם.

און דערנאך האט אברהם גע'פועל'ט אויף אים, דורך די דריי ענינים ("סטרא דאברהם", זיין זכות און זיין חינוך) אז ער זאל זיין גוט, ביז אז עס זאל זיין "ויגדלו הנערים", ווארום אברהם האט געהאט א כח מיוחד דאס אויפצוטאן דורך זיין חינוך, ווי עס שטייט "כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו גו'", כנ"ל.

סב. עפ"ז וועט מען פארשטיין נאך א זאך:

פונקט אזוי ווי אברהם האט געדארפט מחנך זיין (יעקב ו)עשו, אזוי האט אויך יצחק אים געדארפט מחנך זיין, ואדרבה - יצחק איז נאכמער מחוייב אין דעם ווי אברהם, ווארום ער איז זיין פאטער - איז פארוואס איז דער זהר מדגיש אז נאר דער חינוך פון אברהם האט אויף עשו'ן גע'פועל'ט - וואס איז געווען מיט דער חינוך פון יצחק?!

ע"פ האמור לעיל איז דאס פארשטאנדיק: ע"פ טבע האט געדארפט זיין קענטיק אין עשו'ן נאך בקטנותו זיינע שלעכטע תכונות (וואס זיינען שפעטער ארויסגעקומען בפועל) - אברהם האט אבער געהאט א נתינת כח מיוחדת אין דעם, וואס דוקא ביי אים שטייט "כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו גו'", דערפאר האט ער מצליח געווען מיט עשו'ן;

משא"כ יצחק האט אים טאקע אויך מחנך געווען, ער האט אבער ניט געהאט קיין כח מיוחד אין דעם, האט ער אין דערויף ניט מצליח געווען, און ע"ד ווי עס שטייט דערנאך

- (גלייך -

---

172) נדה ל, ב. 173) סוטה יא, א. ועוד.

(גלייך נאך "ויגדלו הנערים")[174] אז עשו האט יצחק'ן אפגענארט: "ויהי עשו איש יודע ציד" - "לצוד ולרמות את אביו בפיו ושואלו אבא היאך מעשרין את המלח ואת התבן, כסבור אביו שהוא מדקדק במצוות", און "ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו" - "בפיו של עשו, שהי' צד אותו (יצחק) ומרמהו בדבריו".

סג. ע"פ דעם ביאור הנ"ל אין זהר - איז דער זהר מתאים אויך מיט דעם וואס עס שטייט אין ילקוט שמעוני (וואס דער טאטע ברענגט אראפ אין דער הערה):

אין ילקוט שמעוני עה"פ[175] "האדם הגדול בענקים" שטייט: "אדם זה אדם הראשון, הגדול אלו אברהם יצחק ויעקב שנקראו גדולים . . ביעקב כתיב ויגדלו הנערים, ועשו הי' בכלל אלא שקלקל במעשיו כו'".

וואס דאס איז מתאים מיט דעם וואס עס שטייט אין זהר, אז אברהם האט גע'פועל'ט אז בא עשו זאל זיין "ויגדל" ("ויגדלו הנערים"), און נאך פטירת אברהם איז ער יצא "לתרבות רעה".

און דאס וואס ס'איז געווען "ויתרוצצו" לגריעותא פון עשו נאך בבטן רבקה - איז דערנאך בטל געווארן דורך דעם וואס "בא מלאך וסטרו על פיו", כנ"ל.

סד. די הוראה דערפון:

די הנהגה בא יעדער איינעם דארף זיין ווי אברהם - האבן א כח מיוחד אין דעם עניין החינוך פון אידישע קינדער, ביז אז מ'פועל'ט אויף זיי אז עס זאל זיין "ויגדלו הנערים",

וואס דעם כח דערצו נעמט מען פון אברהם, וואס ער האט דעם ספעציעלן צוזאג פון דעם אויבערשטן "כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו גו'",

און ער האט געהאט דעם כח אויף "את הנפש אשר עשו בחרן"[176] - "אברהם מגייר את האנשים"[177]. און ער האט אויך גע'פועל'ט אויף שרה אז "שרה מגיירת הנשים"[178].

און דורך אויפטאן די עבודה אויך איצטער - גייט מען דערמיט מקבל זיין פני משיח צדקנו, און אברהם בראש, בקרוב ממש.

- אח"כ -

----

174) פרשתנו שם, כז-כח ובפרש"י. 175) יהושע יד, טו (רמז כג). 176) לך לך יב, ה. 177) פרש"י עה"פ. 178) פרש"י שם.

הנחה הת' בלתי מוגה

אה"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אהרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

כ"ק אדמו"ר שליט"א התחיל לנגן (ורמז להילדים שיחיו שינגנו) "ווי וואנט משיח נאו".

—— * ——